בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת וירא




## ווי אזוי יעדער מענטש קען זיין ווי אברהם אבינו

**אין** זיין ספר "**דרך עץ חיים**", שרייבט דער **רמח"ל** א וויכטיגן דרך אין עבודת השם, וואס עס זאל טראכטן אן ערליכער איד וואס וויל אנקומען צו זיין חשוב און אנגענומען אין די אויגן פון השי"ת. דער רמח"ל זאגט: "**האדם החושב על זה קרוב אל השלימות מאד**", דער מענטש וואס טראכט דערפון איז זייער נאענט צום שלימות'דיגן ציל פאר וועלכן ער איז באשאפן געווארן. ער רופט דאס אן "**תרופה היותר גדולה וחזקה... ופעולתה גדולה ופריה רב**", דער העכסט-ווירקזאַמסטער רעצעפט, די עפעקטיווסטע עצה צו דערגרייכן שלימות, וואס דער תועלת דערפון איז גאר גרויס און חשוב. און אויב דער רמח"ל זאגט אזעלכע שטארקע ווערטער דערויף, איז ווערד אז מיר זאלן זיך צוהערן.

וואס באדייט דאס טאקע פאר אונז? זאגט דער רמח"ל, אז דער מענטש מוז טרעפן צייט, ער מוז זיך מאכן צייט יעדן טאג, זיך מתבודד צו זיין און מתבונן זיין אין טייל פון די וויכטיגסטע פראגעס פון לעבן. און אט איז איינע פון די יסודות'דיגסטע פראגעס - זאגט דער רמח"ל - אין וואס יעדער איד דארף אריינטראכטן. ער דארף זיך פרעגן: וואס האט אברהם אבינו געטון, וואס השי"ת האט אים דערפאר אזוי שטארק ליב געהאט, אז ער האט אים אויסגעקליבן צו זיין דער פאטער פון דער גאנצער הייליגער אידישער אומה? און נאכדעם וואס דער מענטש וועט פיל אריינטראכטן אין די וועגן פון אברהם אבינו, זאל ער זאגן: "**ואעשה כן גם אני**", אויך איך וועל טון אזוי. איך וועל אויך גיין אין די דרכים פון אונזער פאטער אברהם, די וועגן וואס וועלן מיר העלפן געפינען חן אין די אויגן פון השי"ת.

ווי אזוי קען א מענטש זאגן, "איך וויל זיין אזוי ווי אברהם אבינו?" אויב ער ווייסט נישט וואס אברהם אבינו האט בכלל געטון? דעריבער דארף א מענטש זיך מאכן צייט אין זיין פארנומען לעבן, אריינצוטראכטן טיף און אויספירליך ווי אזוי אברהם אבינו האט געלעבט און געווירקט. מיר ווייסן דאך פיל מעשיות וועגן אברהם אבינו, ווער ווייסט דען נישט? מיר **מיינען** אז מיר ווייסן, אבער אייגנטליך ווייסן מיר זייער וועניג. די מחשבות וואס פילן אן אונזערע מוחות זענען פארנעפלטע, און צומאל אפילו קינדישע. דעריבער, אויב איינער וויל מצליח זיין אין דעם פראגראם, אנצוקומען צו גרויסקייט, מוז ער ערשט אפלערנען טיף און גרינטליך ווי אזוי אברהם אבינו האט זיך אויפגעפירט

און געלעבט אויף דער וועלט.

## א לעבן פון טון חסד פאר אנדערע

**וואס** דערציילן אונז די פסוקים וועגן אברהם אבינו? ווי אזוי האט דער דאזיגער גרויסער ריז געפירט זיין לעבן? לאמיר לערנען צוזאמען אביסל וואס מיר ווייסן פון אברהם, און צוזאמען וועלן מיר קענען אנהייבן גיין אויף דעם וועג וואס פירט צו גרויסקייט.

ביים אנהייב פון דער היינטיגער פרשה לערנען מיר: "**והוא יושב פתח האוהל כחום היום**", און אברהם אבינו איז געזעסן ביים אריינגאנג פון געצעלט ווען דער טאג איז געווען הייס. ווען די תורה זאגט אונז אז אברהם איז געזעסן ביי דער טיר פון זיין געצעלט, זוכנדיג וועג-וואנדערער אין דער מדבר-געגנט צו טון מיט זיי חסד, דארפט איר פארשטיין, אז דאס איז נישט געווען בלויז אן איינמאליגע געשעעניש. עס איז נישט געווען עפעס וואס האט פאסירט נאר איין מאל אין יאר, ווען עס איז געקומען די צייט פון פרשת וירא. די תורה אנטפלעקט אונז דערמיט א דרך, אויף וועלכן אברהם אבינו איז שטענדיג געגאנגען. דאס איז געווען זיין שטענדיגער און קביעות'דיגער שטייגער, צו זיצן ביים אריינגאנג פון זיין געצעלט, יעדן איינציגן טאג, האפנדיג אז ער וועט טרעפן א וועגגייער ווער וועמען מכניס אורח צו זיין. די דאזיגע ווערטער פון פסוק זענען א "בנין אב", א מאדעל, פאר'ן גאנצן התנהגות פון אברהם אבינו. שטענדיג האט ער אויסגעזוכט די נויטבאדערפטיגע וועגגייער, כדי צו טון מיט זיי חסד. "והוא יושב", איז אייגנטליך דער באדייט: אברהם איז **שטענדיג** געזעסן.

אזוי אויך ווען די תורה דערציילט ווי אברהם אבינו איז ארויסגעלאפן אין דער גליענדיגער היץ כדי צו באגריסן די געסט, בוקנדיג זיך צו זיי און בעטנדיג זיך אז זיי זאלן אריינקומען אין זיין הכנסת-אורחים, דארפט איר פארשטיין דאס פאלגנדע: אברהם אבינו פלעגט **אלעמאל** ארויסלויפן פון זיין געצעלט צו טון חסד מיט די נויטבאדערפטיגע. אוודאי רעדט די תורה דא פון אן אויסנאמס-פאל; עס איז געווען א קאכעדיג-הייסער טאג, און אברהם, אן עלטערער מענטש, וואס האט זיך נאך געהאלטן אינמיטן ערהאלן פונעם ברית מילה און האט געליטן יסורים, האט זיך אנגעשטרענגט איינצולאדן די געסט צו זיך אין שטוב. געוויס איז אים נישט אנגעקומען לייכט יענעם טאג זיך צו האלטן געטריי צו זיינע חסד-מעשים, אבער נישט קוקנדיג דערויף, האט ער זיך געהאלטן פעסט און איז ווייטער געגאנגען אויף דעם דרך, אויפ'ן לעבנס-וועג וואס ער האט זיך אויסגעקליבן - א לעבן פון טון חסד פאר אנדערע. די תורה ברענגט ארויס דעם דאזיגן ספעציעלן פאל נאר כדי מיר זאלן פארשטיין אז דאס איז אלעמאל געווען דער דרך פון אברהם.

און נישט בלויז האט אברהם אבינו גערן געטון חסד ווען עס האט זיך אים געמאכט די געלעגנהייט, נאר ער האט ערווארט אז עס זאלן טאקע אונטערקומען אזעלכע געלעגנהייטן, אז ער זאל קענען דינען השי"ת מיט חסד. די גרעסטע געפאר פאר אים איז געווען אז ער וועט פארלירן די געלעגנהייט צו טון חסד פאר אנדערע. אברהם האט געזוכט צו טון חסד, ווייל ער האט געלעבט א לעבן וואס איז געווען דורכגעדרונגען מיט ליבשאפט צו דערפרייען די הערצער פון אנדערע מענטשן.

און דאס איז געווען די סיבה, וואס כאטש אברהם אבינו האט געליטן יסורים, איז ער אנטקעגנגעלאפן די מענטשן וואס זענען געגאנגען אין וועג. און כדי צו באקומען זייער הסכמה צו טון פאר זיי חסד, האט ער זיך געבוקט פאר זיי צו דער ערד און געזאגט, "מיינע הארן... **אל נא תעבור מעל עבדך**", גיי נישט אוועק פון דיין קנעכט.

שטעלט אייך פאר וואס עס קומט דא פאר: אן עלטערער מענטש, א חולה, וואס ליידט יסורים, לויפט, בעט זיך, ווארפט זיך צו דער ערד - און דאס אלעס ווייל ער וויל טון חסד. ער לויפט אהין און צוריק פונעם געצעלט צו די געסט, צו די רינדער און טוט אלעס וואס מעגליך מהנה צו זיין זיינע געסט - א פאָר וואנדערנדיגע אראבער - דאס מערסטע וואס שייך.

מיר זעען אז די אלע מעשי חסד וואס אברהם האט געטון זענען געווען מיט א גרויס זריזות. "און [אברהם] איז געלאפן אנטקעגן זיי...און אברהם האט זיך געאיילט צום געצעלט, צו שרה...און ער האט געזאגט, אייל זיך צו... און צום רינד איז אברהם געלאפן...און ער האט עס געגעבן צום יונג און האט געאיילט עס צו מאכן".

אברהם איז אלעמאל געלאפן צו טון חסד - ווייל לויפן ווייזט אויף חשק. "**רץ**" - לויפן איז דער זעלבער שורש ווי "**רצון**" - ווילן. ווילן און חשק זענען א סימן פון ליבשאפט. אזוי שטארק האט אברהם ליב געהאט דעם באשעפער, אז עס איז געווען ביי אים חשוב און טייער צו טון יעדן שריט פון עבודת השם.

## א "פארשער פון נאטור"

**עס** איז נישט קיין ספק, אז אויב מיר אליין וואלטן געווען דארט און צוגעזען די אויפפירונג פון אברהם, וואלטן מיר באטראכט זיינע שריט אלס איבערגעטריבן. איך זאג "איבערגעטריבן" בלויז צו היטן אויף אונזער כבוד, אבער אייגנטליך וואלטן מיר באטראכט זיין אויפפירונג ווי אומזיניג און אומפאסיג פאר אזא גרויסן מענטש; צו עקסטרעם פאר אונז. "**משוגע איש הרוח**" (הושע ט, ז) - דער מענטש פון גייסט - דער וואס איז איבערגעגעבן אינגאנצן צו השי"ת - ער זעט אויס אין די אויגן פון אנדערע מענטשן ווי - א משוגענער. אזוי איז דאס אלעמאל. די מעשים און עבודת השם פון יעדן גרויסן מענטש ווערן באטראכט אלס אומ'שכל'דיג דורך מענטשן וואס זענען נישט אויף זייער מדריגה.

אבער פון וואנעט האט זיך עס גענומען אט-דער "עקסטרעמיזם", און וואס איז געווען די סיבה, וואס האט געפירט אברהמ'ען - דעם גרעסטן אָריגינעלן דענקער וואס האט ווען אמאל געלעבט - צו ווידמען זיין לעבן פאר'ן אידעאַל פון חסד? צי איז דאס געווען פשוט א מענטש מיט א ווייך הארץ, וואס ער זארגט און פילט פאר אנדערע און קען נישט צוקוקן ווי אנדערע ליידן? ניין, דאס איז נישט קיין גרויסקייט - ס'איז גלאט אן אינסטינקט. דער אינסטינקט צו טון גוטס איז וויכטיג, זייער וויכטיג, אבער נאר ווי א מיטל ארויסצוברענגען דאס אמת'ע גדלות, וואס ליגט טיף איינגעווארצלט אין דער נשמה פונעם מענטש. די מעשי חסד - אייגנטליך דאס חסד-לעבן - פון אברהם אבינו, איז געווען פיל טיפער. עס האט געהאט אירע ווארצלען אין זיין אלגעמיינער לעבנס-השקפה, זיין בליק אויפ'ן תכלית פון זיין לעבן.

בלויז נאך פיל יארן פון מחשבה, איז אברהם אבינו אנגעקומען צום דאזיגן לעבנס-בליק. און די דאזיגע השקפת החיים האט ער באזירט אויף א התגלות. מיר מיינען דא א "התגלות" אין א געוויסן ספעציעלן זין, נעמליך, די אנטפלעקונג פון דער נאטור. אברהם אבינו איז געווען א גרויסער "פארשער פון נאטור". פיל, פיל גרעסער ווי אלע פראפעסארן אין די קאלעדזשן וואס "שטודירן נאטור". ווייל זיי האט מען אויסגעלערנט צו זיין נאראנים. זיי שטודירן, אבער פאקטיש ווייסן זיי לגמרי גארנישט. אברהם האט אויסגעניצט אלע זיינע יוגנט-יארן אויף צו טראכטן. און געטראכט האט ער מיט א קלארן מח, א מח וואס איז נישט געווען פארפלעקט פון די שרייבערייען און גדאנקען פון די רשעים וואס לייקענען אין בריאת העולם. ער האט אלעמאל געקוקט ארום זיך אויף דער בריאה און האט באוואונדערט דעם פלאן און תכלית פון וועלט-באשאף. דאס אלץ וואס איר האט געהערט דא - וויפיל שעה'ן איר זאלט מיך נאר האבן אויסגעהערט רעדנדיג וועגן די נפלאות הבורא וואס מיר זעען אין דער בריאה - איז גארנישט אין פארגלייך מיט וואס אברהם אבינו האט אנטדעקט אין די פריע יארן פון זיין לעבן. און אפילו דאס וואס מיר שמועסן דא יעצט איז בלויז א טראפן אין ים פון דעם וואס אברהם אבינו האט געטראכט. ער האט שטודירט די זרעים, די פרוכטן און פלאנצונגען, דעם פראצעס ווי אזוי עס פונקציאָנירן די קערפערס פון מענטשן און בעלי חיים, די געפילן פון מענטשן. ער האט באטראכט דעם ברייטן הימל, די זון די לבנה, די וואלקנס און דעם רעגן. שעה'ן און טעג און יארן פון טראכטן וועגן אלעם וואס געפינט זיך ארום אים.

און אברהם, דער יונגער און שטענדיג-נייגעריגער און פאָרשערישער מענטש, האט געפרעגט שאלות וועגן אלעם וואס ער האט געזען. ער האט זיך נישט באפרידיגט בלויז מיט'ן אנערקענען די אומענדליכע חכמה וואס ליגט אין דער גאנצער בריאה. ווודאי האט ער געזען, אז עס איז פאראן א פלאן און א תכלית. געוויס האט ער דערזען די געטליכע חכמה וואס ליגט אין דער נאטור. ער האט געזען הקדוש ברוך הוא אין דער וועלט ארום זיך! אבער דאס איז געווען בלויז דער ערשטער טריט. אברהם האט געפרעגט שאלות, און נאך שאלות. און די אלע שאלות האבן אים געפירט צו איין און דעם זעלבן ענטפער. און אט דאס איז אונזער היינטיגער שמועס.

## פארוואס השי"ת האט באשאפן פעפער און צימרינג

**בשעת** אברהם האט שפאצירט אין דער וועלט, האט ער באטראכט דעם ענדלאזן אויסוואל פון פארגעניגנס וואס זענען צוגעשטעלט פאר'ן מענטש. ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דער מענטש קען עקזיסטירן אויך אָן פעפער, דזשינדזשער (אינגבער) און צימרינג. פארוואס, אויב אזוי, און פאר וועלכן צוועק האט השי"ת איינגעפלאנצט אין זיין וועלט די אלע פארשידענע סארטן געווירצן? האט אברהם זיך געפרעגט. עס זעט דאך אויס, ווי דאס אלעס איז איבעריג, און אז מיר וואלטן זיך געקענט באגיין אן דעם. און נאך פיל אריינטראכטן אין די אלע הנאות פונעם טעם פון די פארשידענע עסנס, איז אברהם געקומען צום אויספיר, אז אט דאס איז דער איינציגער תכלית פון דעם גאנצן אויסוואל: אז השי"ת זאל געבן הנאה פאר די מענטשען.

ווען אברהם איז דורכגעגאנגען נעבן א פרוכט-גארטן און האט געזען די רויטע עפל הענגען פון בוים, האט ער זיך דערמאנט פון די גרינע טרויבן, וואס ער האט געזען אביסל פריער אין טאג. און די געלע באנאנעס וואס ער האט געזען נעכטן. און די פערשקעס (פּיטשעס), און די יאַגדעס - די אלע זאפטיגע פרוכטן, וואס זייער טעם איז פארשידן איינס פון אנדערן. פאר א טיפש, א מענטש מיט א ליידיגן קאפ, וואלטן די סצענעס נישט געהאט קיין שום באדייט. אברהם איז אבער געווען א דענקער. און די זאכן וואס ער האט געזען האבן אים געברענגט א פארשטאנד אין די טיפסטע סודות פון דער וועלט. אברהם איז געווען שאקירט און איז געשטאנען פארציטערט פאר'ן אויסוואל פון געשמאקן וואס השי"ת האט אנגעגרייט פאר'ן מענטש - דא איז חסד. האט איר אמאל פארזוכט דעם טעם פון דער ברוינער ערד? פרובירט עס אויס אמאל, וועט איר זען אז ס'איז נישטא אזוי אפעטיטליך. אבער פון אט-דער ברוינער ערד, האט השי"ת ארויסגעברענגט א שפע פון פירות און גרינצייג. און יעדע איינס פון זיי האט איר אייגנאַרטיגן, ספעציעלן טעם. טעם איז נישט קיין "עקסידענט". דער טעם פון א מאראנץ איז אנדערש ווי א פּיינעפּל, און א סטראָבערי שפירט זיך אנדערש אין מויל ווי א בלאבערי. אברהם האט באמערקט, אז אויסער די הנאות פון טועם זיין די פארשידענע סארטן פלייש און עוף, תבואה, פיש און גרינצייג, איז דער רצון השם אז מענטשן זאלן הנאה האבן פון זיסע, זויערע און ביטערע סארטן געווירצן, און דערנאך זאלן זיי פארזוכן דעם טעם פון קאַרשן (טשעריס), טרויבן, באנאנעס, מאראנצן, פּיינעפּל, צוויבל און טאמאטעס, און אלע פארשידענע פרוכטן און גרינסן. פארוואס דארף מען אזויפיל, פאר וועלכן צוועק? דער תכלית פון דעם אלעם איז צו געבן דער מענטשהייט אן אומענדליכן אויסוואל פון פארגעניגנס. אט דאס - האט אברהם ביי זיך אויסגעפירט - איז די איינציגע סיבה פון דער גאנצער שפע מיט פירות און ירקות, מיט זייערע פארשידענע קאלירן און געשמאקן, וואס השי"ת האט באשאפן אין זיין וועלט.

און אזוי האט אברהם געפרעגט הונדערטער און טויזנטער פראגעס. די אלע פרטים פון דער בריאה וואס מיר פארזעען און נעמען אן אלס זעלבסטפארשטענדליך, האט אברהם באמערקט און אין זיי אריינגעטראכט. און די ענטפערס אויף די אלע פראגעס - נישט א טייל פון די ענטפערס, נאר די אלע ענטפערס - האבן אים דערפירט צו איין און דעם זעלבן אויספיר: איבעראל, אין דער גאנצער בריאה, וואו אברהם האט נאר געוואנדן זיינע בליקן, האט ער געזען דערין דעם חסד ה'. און אברהם איז געקומען צו דער הכרה, אז "**עולם חסד יבנה**", די וועלט איז געבויט געווארן פאר'ן תכלית פון חסד. נישט בלויז איז דא א בורא עולם, נאר דער בורא איז א "**חפץ חסד**", וואס זיין גאנצע כוונה איז צו טון גוטס, מחי' זיין און דערפרייען דעם מענטש.

אט דאס איז געווען די העכסט-וויכטיגע אנטפלעקונג וואס אברהם האט געפונען אין דער נאטור: השי"ת ווייזט אונז מיט צענדליגער טויזנטער ביישפילן, אז דאס איז זיין רצון, צו דערפרייען די מענטשן, אז מענטשן זאלן הנאה האבן. און אויב דאס איז די זאך וואס זעט זיך דאס מערסטע אן אין דער נאטור, איז עס געוויס וואס השי"ת וויל אז מיר זאלן וויסן וועגן אים, מער פון אלעם.

# לייענט די גליון יעדע וואך
# אין קונטרס גליונות לש"ק




gilyonosshabbos@gmail.com

# הדפסה והפצה

מעלדונג

צו מנדב זיין הפצת הגליון א וואך

לע"נ, לרגל השמחה, לזכות וכדו'

אדער פשוט ווייל איר האט הנאה אז עס ווערט פארשפרייט

און איר ווילט עס זאל אנהאלטען

רופט 718-757-1681

# חודש חשון א גוטע געלעגנהייט

## שאלה:

**פארוואס איז נישטא קיין שום יום טוב, אדער א תענית, אין חודש חשון?**

## תשובה:

דער ענטפער איז, ווייל חודש חשון קומט גלייך נאך חודש תשרי, ווען מיר האבן פארלוירן אזויפיל צייט פון לערנען צוליב די ימים טובים, און מיר דארפן יעצט האבן גענוג צייט דאס צו ערפילן. איינער וואס לערנט יעדן טאג מיט בחורים אין ישיבה, טוט אים וויי דאס הארץ, ווען ער פארלירט אזויפיל צייט צו לערנען מיט זיי. דא איז ראש השנה, דא קומט יום כיפור, און דאן סוכות, און דאס זענען אסאך טעג וואס מ'פארפעלט פון לערנען.

**אזוי** אויך א ביזנעסמאן פארלירט אסאך טעג פון דער ארבעט, און אויב איר ארבעט פאר א קאמפאני, ווערט אייער באלעבאס אנטוישט מיט יעדן טאג, זעענדיג ווי איר נעמט אפרו פון דער ארבעט, פאר דעם יום טוב און פאר יענעם יום טוב. איר דארפט א גוטן תירוץ אים צו קענען דאס אויפקלערן.

**שאלות און תשובות**
מיט
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

**דאן** קומט אן חודש חשון, א גאנצער חודש פון דערגרייכונגען. איר קענט ארבעטן יעדן טאג, לערנען יעדן טאג, און דאס איז א גרויסע ברכה און געלעגנהייט צו מאכן פארשריט. עס זענען נישטא קיין ימים טובים און נישט קיין תעניתים, עס איז דא אסאך צייט צו דערגרייכן.

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

**מהדורת אחת שאלתי**
כל הזכיות שמורות

בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"